בעזהשי"ת

# בר מצוה "פשעטיל"

דרוש על דברי ה"ים של שלמה"

## סעודת בר מצוה שעושים אין לך סעודת מצוה גדולה מזו

עם:

## סדר ברכת המזון



מזכרת:

**משמחת סעודת הבר מצוה**

בשילוב עם:

**סיום ששה סדרי משנה**

של הבחור:

## מרדכי אריה האנשטטר נ"י

הנחת תפילין: י"ב מנחם-אב תשע"ה

יום הבר מצוה: י"ח מנחם-אב תשע"ה

סעודת הבר מצוה: ב' דר"ח אלול תשע"ה

# דרשת בר מצוה

## של הבחור מרדכי אריה האבשטטר בירו יאיר וידרח

- פארוואס איז חמשה עשר באב א יום מיוחד?
- פארוואס זאגט דער מהרש"ל אז סעודת בר מצוה שעושים אין לך סעודת מצוה גדולה מזו?
- איז א סעודת בר מצוה וואס איז נישט בו ביום אויך א סעודת מצוה ?
- פארוואס זאגט א בר מצוה בחור א פשעטיל?
- פארוואס זינגט מען אריין ביי א בר מצוה דרשה?
- וואס מאכט א בר מצוה א יום המיוחד?
- פארוואס פירט מען זיך אז א בר מצוה בחור מאכט א סיום?

די משנה זאגט און מסכת תענית פרק ד' משנה ח' "אמר רבן שמעון בן גמליאל לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכיפורים", אז עס איז נישט געווען קיין ימים טובים ביי די אידן אזוי ווי חמשה עשר באב און יום כיפור, "שבהן בנות ירושלים יוצאות בכלי לבן שאולין שלא לבייש מי שאין לו" ווייל אין דער טעג זענען אפילו די רייכע בנות ירושלים ארויס געגאנגען מיט ווייסע געבארגטע קליידער כדי נישט צו פארשעמען די ארימע וואס האבן נישט קיין שיינע קליידער.

די גמרא פרעגט און מסכת תענית דף ל' ע"ב (ב"ב קכ"א עמוד א'), "בשלמא יום הכיפורים משום דאית ביה סליחה ומחילה, יום שניתנו בו לוחות האחרונות, אלא חמשה עשר באב מאי היא?" עס פארשטייט זיך גאנץ גוט פארוואס יום כיפור איז אויסגעוועהלט געווארן אלץ א יום המיוחד, וואס אין דער טאג זענען די בנות ירשלים ארויס געגאנגען מיט כלי לבן נישט צו פארשעהמען די וואס האבן נישט, ווייל יום כיפור איז די אייבישטער מוחל אויף אלע עבירות, און אין יענע טאג האט מען געגעבן די צווייטע לוחות, אבער חמשה עשר באב ווי קומט דאס צו א בחינה פון "לא היו ימים טובים לישראל"? פארוואס איז פונקט דער טאג אויסגעוועלט געווארן אלץ א יום המיוחד?

די גמרא ענטפערט עטליכע תירוצים. איינער פון די תירוצים איז "מפני שכלו מתי מדבר" ווייל די פערציג יאר וואס די אידן זענען געווען אין מדבר, אלץ א שטראף פאר די עבירה פון די מרגלים וואס האבען גערעדט לשון הרע, איז יעדער יאר תשעה באב געווען א מגיפה, און חמשה עשר

באב אין די פערציגסטע יאר האט זיך די מגיפה אויפגעהערט. פארדעם איז חמשה עשר באב איסגעוועהלט געווארען אלץ א יום המיוחד וואס ווערט גערעכנט אלץ "לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב".

און אזוי ווי יום כיפור איז א יום סליחה וכפרה פאר עבירות שבין אדם למקום, אבער עבירות שבין אדם לחבירו ווערט נישט מתכפר עד שיתרצה את חבירו און אידן טאקע בעטן זיך איבער איינער די צוויטע, און חמשה עשר באב איז נתכפר געווארען די עון לשון הרע פון די מרגלים, איז זייער פאסיג פארוואס פונקט די צוויי טעג זאלן זיין טעג וואס זענען מיוחד צו טוהן א זאך שלא לבייש מי שאין לו וואס איז א ענין פון בין אדם לחבירו און פארקערט פון לשון הרע. איז זייער גיט פארוואס פונקט אין די צוויי טעג זענען די בנות ישראל ארויס געגאנגען מיט געבארגטע קליידער.

זעהט מען פון דעם אז ווען אידן טוהן זאכען נישט צו פארשעמען אן אנדערע ווערט דאס א יום המיוחד וואס אן אנדערע יום טוב קומט נישט צי צו דעם.

דער מהרש"ל אין ים של שלמה בבא קמא פ"ז סימן ל"ז ברענגט אז "סעודת בר מצוה שעושים אין לך סעודת מצוה גדולה מזו." אז עס איז נישט דא קיין גרעסערע סעודת מצוה ווי א סעודת בר מצוה.

דער מג"א אין סימן רכ"ה ס"ק ד' און דער דברי  מלכיאל פון לאמזא, או"ח סימן ג', זאגן און נאמען פון דער מהרש"ל אז ווען הייסט א סעודת בר מצוה א סעודת מצוה שאין לך גדולה מזו, נאר ווען מען מאכט דער סעודה בו ביום ווייל אין דעם טאג ווערט דער בחור א מצווה ועושה. אויב אבער מאכט מען דער סעודת הבר מצוה נישט בו ביום, איז דער עצה אז דער בחור זאל זאגען א פשעטעל און דעס וואס מען זאגט דעם פשעטעל מאכט דעם סעודה א סעודת מצוה.

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס פינקט אויף א סעודת בר מצוה זאגט דער מהרש"ל אין לך סעודת מצוה גדולה מזו און אויך אויב דער פשעטיל איז דאס וואס מאכט דער סעודה וואס איז נישט בו ביום א סעודת מצוה פארוואס איז עס אנגעפירט אז מען זינגט אריין ביי א בר מצוה בחור'ס פשעטעל, מיט דעם אריינזינגען שטערט מען דאך די סעודה פון ווערן א סעודת מצוה?

עס איז טאקע דא א מעשה ווי דער בעלזער רב ז"ל האט נישט געלאזט ענדיגען א דרשה ביי א שמחה און האט געזאגט אז עס איז מקובל פון רבי מענדעלע מרימנובער אז א דרשה  וואס מען זאגט ביי א שמחה זאל מען נישט לאזען אויספירען.

נאר מקע'ן זאגן דער טעם פארוואס מען זינגט אריין ביי א בר מצוה פשעטעל איז כדי נישט צו פארשעהמען די וואס קענען עס נישט. קומט אויס אז א בר מצוה סעודה ווערט א בחינה פון שלא לבייש מי שאין לו, און אזוי ווי מיר האבען פריער ערקלערט אז א טאג וואס איז מיוחד אויף שלא לבייש מי שאין לו ווערט א בחינה פון לא היו ימים טובים בישראל, עס ווערט א טאג וואס עס איז נישט דא אזא גרויסע יום טוב ווי דעם. און אז א בר מצוה סעודה ווערט אזא גרויסע יום טוב, ווערט די סעודה במילא א סעודת מצוה. קומט אויס אז נישט דאס זאגען די פשעטעל מאכט עס א סעודת מצוה נאר דער עצם אריין זינגען מאכט עס א סעודת מצוה. און אז דער טאג ווערט א בחינה פון לא היו ימים טובים בישראל פארשטייט זיך גיט פארוואס דער מהרש"ל ריפט דאס א סעודת מצוה שאין לך סעודת מצוה גדולה מזו.

יעצט אז מיר האבען באשטעטיגט אז א בר מצוה איז א יום המיוחד, פארוואס איז טאקע א בר מצוה סעודה אויסגעוועלט געווארען פאר א זמן ווען א בחור זאהל טוהן א זאך שלא לבייש מי שאין לו און מיט דעם ווערן א יום מיוחד?

די גמרא אין מסכת שבת דף ל"א עמוד א' דערציילט א מעשה פון א גוי וואס איז געקומען צו הלל און געבעטען ער זאל איהם מגייר זיין בתנאי אז הלל זאל איהם אויסלערנען די גאנצע תורה שטייענדיג אויף איין פיס. הלל האט מסכים געוועהן צו דער תנאי און געזאגט פאר'ן גוי "דעלך סני, לחברך לא תעבוד" וואס די ווילסט נישט זאל געטוהען ווערען פאר דיר זאלסטו נישט טוהען פאר דיין חבר. רש"י איז מסביר אופען פלאץ אז טאקע מצות שבין אדם למקום איז נישט אריין גערעכענט און דעם, אבער ווי באלד רוב מצוות אין די תורה זענען בין אדם לחבירו איז במילא קען מען זאגען רובו ככלו.

אז א בחור וואס ווערט בר מצוה ווערט א בר חיובה א מצווה ועושה, איז כדאי ער זאהל אין דעם טאג טוהן ווי מער מצוות. און אזוי ווי מיר זעהען פון דער מעשה מיט דער גוי וואס איז געקומען צו הלל אז דער ענין פון "דעלך סני, לחברך לא תעבוד" איז כנגד כל התורה כולה איז

זייער פאסיג אז גלייך ווען א בחור ווערט א בר חיובה זאהל ער טוהן א זאך וואס איז כנגד כל התורה כולה און מיט דעם קונה זיין ווי מער מצוות.

עס ווערט געברענגט פון ר' משה פיינשטיין אין אגרות משה או"ח סימן ד' ס"ק כ', אז "מנהג נכון הוא ללמוד מסכת ולגמור אותה ביום הבר מצווה, והוא דבר טוב", אז עס א גיטע מנהג אז א בחור זאל ענדיגען א מסכת גמרא אין די טאג פון זיין בר מצוה. מקען זאגען אז דער טעם פון דעם איז ווייל איינער פון די אנדערע טעמים וואס דער גמרא ענטפערט פארוואס חמשה עשר באב איז א יום המיוחד ווייל אין דעם טאג "פסקו מלכרות עץ למערכה" מען האט גענדיגט שניידן האלץ פאר דער מערכה. דער רבינו גרשום אין מסכת בבא בתרא דף קכ"א עמוד ב' זאגט, אז דער סיבה פארוואס דער יום שפסקו מלכרות עץ למערכה איז אזא גרויסע טאג, ווייל אין דער צייט וואס מען האט געשניטען דער האלץ האט מען מתבטל געווען פון לערנען תורה, און וויבאלד מען האט גענדיגט שניידען איז מען צוריק געגאנגען לערנען און דאס איז געווען א גרויסע שמחה. פאסט זיך זייער גיט אז די טאג פון דער בר מצוה וואס מיר האבען עקלערט איז אזוי גלייך ווי חמשה עשר באב זאל מען ענדיגען א מסכת. און ווי בעסער ווי ענדיגען מסכת תענית וואס די מסכת ענדיגט זיך מיט דער ענין פון חמשה עשר באב.

קומט אויס אז א טאג וואס מען איז מקיים דער שלא לבייש מי שאין לו און מיט דעם טוהט מען א זאך וואס איז כנגד כל התורה כולה, מען מאכט א סיום מסכת, און אז דער טאג ווערט א יום המיוחד שלא היו בישראל און ווערט אזוי גרויס ווי יום כיפור און חמשה עשר באב איז נישטא קיין גרעסערע סעודת מצוה ווי דעם.

אין די גלעגענהייט וויל איך דאנקען מיינע עלטערען און מלמדים וואס האבען אלע יאהרען אריין געלייקט אסאך כוחות אין מיר, אויך א ספעציעלער יישר כח פאר דער רב זאל מאריך ימים זיין וואס אין זיינע מוסדות בין איך אלע יאהרען נתגדל געווארען. דער אייבישטער זאהל זיי געבען לאנגע גיטע און געזינטער יאהרן זיי זאלען זוכה זיין צו אריכת ימים ושנים טובות און זיי זאלען האבען אסאך נחת פון זייערע קינדער. און מיינע עלטערען זאלען מיר מיט מיינע געשוויסטער פיהרען צו דער חופה בשעה טובה ומוצלחת בתוך נחת והרחבת הדעת באין מחסור כל, און מיר זאלען בקרוב אין פריידען זוכה זיין צו דער גאולה שלימה בבנין בית המקדש וואס דעמאלס וועט זיין די עכטער לא היו ימים טובים בישראל כמותו, ומלכינו בראשינו בב"א.

# סדר ברכת המזון

שִׁיר הַמַּעֲלוֹת בְּשׁוּב ה' אֶת שִׁיבַת צִיּוֹן, הָיִינוּ כְּחֹלְמִים: אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה, אָז יֹאמְרוּ בַגּוֹיִם הִגְדִּיל ה' לַעֲשׂוֹת עִם אֵלֶּה: הִגְדִּיל ה' לַעֲשׂוֹת עִמָּנוּ, הָיִינוּ שְׂמֵחִים: שׁוּבָה ה' אֶת שְׁבִיתֵנוּ, כַּאֲפִיקִים בַּנֶּגֶב: הַזֹּרְעִים בְּדִמְעָה בְּרִנָּה יִקְצֹרוּ: הָלוֹךְ יֵלֵךְ וּבָכֹה נֹשֵׂא מֶשֶׁךְ הַזָּרַע, בֹּא יָבֹא בְרִנָּה נֹשֵׂא אֲלֻמֹּתָיו:

(יש אומרים: בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ)

בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, הַזָּן אֶת הָעוֹלָם כֻּלּוֹ בְּטוּבוֹ, בְּחֵן בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים, הוּא נֹתֵן לֶחֶם לְכָל בָּשָׂר, כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ. וּבְטוּבוֹ הַגָּדוֹל, תָּמִיד לֹא חָסַר לָנוּ, וְאַל יֶחְסַר לָנוּ מָזוֹן לְעוֹלָם וָעֶד, בַּעֲבוּר שְׁמוֹ הַגָּדוֹל, כִּי הוּא קֵל זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל, וּמֵטִיב לַכֹּל, וּמֵכִין מָזוֹן לְכָל בְּרִיּוֹתָיו אֲשֶׁר בָּרָא, כָּאָמוּר, פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן. בָּרוּךְ אַתָּה ה', הַזָּן אֶת הַכֹּל:

נוֹדֶה לְּךָ, ה' אֱלֹקֵינוּ, עַל שֶׁהִנְחַלְתָּ לַאֲבוֹתֵינוּ, אֶרֶץ חֶמְדָּה טוֹבָה וּרְחָבָה, וְעַל שֶׁהוֹצֵאתָנוּ ה' אֱלֹקֵינוּ, מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם, וּפְדִיתָנוּ מִבֵּית עֲבָדִים, וְעַל בְּרִיתְךָ שֶׁחָתַמְתָּ בִּבְשָׂרֵנוּ, וְעַל תּוֹרָתְךָ שֶׁלִּמַּדְתָּנוּ, וְעַל חֻקֶּיךָ שֶׁהוֹדַעְתָּנוּ, וְעַל חַיִּים חֵן וָחֶסֶד שֶׁחוֹנַנְתָּנוּ, וְעַל אֲכִילַת מָזוֹן שָׁאַתָּה זָן וּמְפַרְנֵס אוֹתָנוּ תָּמִיד, בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה. וְעַל הַכֹּל, ה' אֱלֹקֵינוּ, אֲנַחְנוּ מוֹדִים לָךְ, וּמְבָרְכִים אוֹתָךְ, יִתְבָּרַךְ שִׁמְךָ בְּפִי כָּל חַי תָּמִיד לְעוֹלָם וָעֶד, כַּכָּתוּב, וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ, וּבֵרַכְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ עַל הָאָרֶץ הַטּוֹבָה אֲשֶׁר נָתַן לָךְ. בָּרוּךְ אַתָּה ה', עַל הָאָרֶץ וְעַל הַמָּזוֹן:

רַחֵם נָא, ה' אֱלֹקֵינוּ, עַל יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ, וְעַל יְרוּשָׁלַיִם עִירֶךָ, וְעַל צִיּוֹן מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ, וְעַל מַלְכוּת בֵּית דָּוִד מְשִׁיחֶךָ, וְעַל הַבַּיִת הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ שֶׁנִּקְרָא שִׁמְךָ עָלָיו. אֱלֹקֵינוּ, אָבִינוּ, רְעֵנוּ, זוּנֵנוּ, פַּרְנְסֵנוּ וְכַלְכְּלֵנוּ וְהַרְוִיחֵנוּ, וְהַרְוַח לָנוּ, ה' אֱלֹקֵינוּ מְהֵרָה מִכָּל צָרוֹתֵינוּ. וְנָא אַל תַּצְרִיכֵנוּ, ה' אֱלֹקֵינוּ, לֹא לִידֵי מַתְּנַת בָּשָׂר וָדָם וְלֹא לִידֵי הַלְוָאָתָם, כִּי אִם לְיָדְךָ הַמְּלֵאָה, הַפְּתוּחָה, הַקְּדוֹשָׁה וְהָרְחָבָה, שֶׁלֹּא נֵבוֹשׁ וְלֹא נִכָּלֵם לְעוֹלָם וָעֶד.

לראש חודש: אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, יַעֲלֶה וְיָבֹא וְיַגִּיעַ וְיֵרָאֶה וְיֵרָצֶה וְיִשָּׁמַע וְיִפָּקֵד וְיִזָּכֵר זִכְרוֹנֵנוּ וּפִקְדוֹנֵנוּ, וְזִכְרוֹן אֲבוֹתֵינוּ, וְזִכְרוֹן מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד עַבְדֶּךָ, וְזִכְרוֹן יְרוּשָׁלַיִם עִיר קָדְשֶׁךָ, וְזִכְרוֹן כָּל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל לְפָנֶיךָ, לִפְלֵיטָה לְטוֹבָה, לְחֵן וּלְחֶסֶד וּלְרַחֲמִים, לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם, בְּיוֹם רֹאשׁ הַחֹדֶשׁ הַזֶּה. זָכְרֵנוּ, ה' אֱלֹקֵינוּ, בּוֹ לְטוֹבָה, וּפָקְדֵנוּ בוֹ לִבְרָכָה, וְהוֹשִׁיעֵנוּ בוֹ לְחַיִּים טוֹבִים, וּבִדְבַר יְשׁוּעָה וְרַחֲמִים חוּס וְחָנֵּנוּ, וְרַחֵם עָלֵינוּ וְהוֹשִׁיעֵנוּ, כִּי אֵלֶיךָ עֵינֵינוּ, כִּי קֵל (מֶלֶךְ) חַנּוּן וְרַחוּם אָתָּה.

וּבְנֵה יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקֹּדֶשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ. בָּרוּךְ אַתָּה ה', בּוֹנֵה בְרַחֲמָיו יְרוּשָׁלָיִם. אָמֵן:

בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, הָקֵל אָבִינוּ, מַלְכֵּנוּ, אַדִּירֵנוּ, בּוֹרְאֵנוּ, גֹּאֲלֵנוּ, יוֹצְרֵנוּ, קְדוֹשֵׁנוּ קְדוֹשׁ יַעֲקֹב, רוֹעֵנוּ רוֹעֵה יִשְׂרָאֵל. הַמֶּלֶךְ הַטּוֹב, וְהַמֵּטִיב לַכֹּל, שֶׁבְּכָל יוֹם וָיוֹם הוּא הֵיטִיב, הוּא מֵטִיב, הוּא יֵיטִיב לָנוּ, הוּא גְמָלָנוּ, הוּא גוֹמְלֵנוּ, הוּא יִגְמְלֵנוּ לָעַד לְחֵן וּלְחֶסֶד וּלְרַחֲמִים וּלְרֶוַח, הַצָּלָה וְהַצְלָחָה, בְּרָכָה וִישׁוּעָה, נֶחָמָה, פַּרְנָסָה וְכַלְכָּלָה, וְרַחֲמִים, וְחַיִּים טוֹבִים וְשָׁלוֹם וְכָל טוֹב, וּמִכָּל טוּב לְעוֹלָם אַל יְחַסְּרֵנוּ:

הָרַחֲמָן, הוּא יִמְלוֹךְ עָלֵינוּ לְעוֹלָם וָעֶד. הָרַחֲמָן, הוּא יִתְבָּרַךְ בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ. הָרַחֲמָן, הוּא יִשְׁתַּבַּח לְדוֹר דּוֹרִים, וְיִתְפָּאַר בָּנוּ לָעַד וּלְנֵצַח נְצָחִים, וְיִתְהַדַּר בָּנוּ לָעַד וּלְעוֹלְמֵי עוֹלָמִים. הָרַחֲמָן, הוּא יְפַרְנְסֵנוּ בְּכָבוֹד. הָרַחֲמָן, הוּא יִשְׁבּוֹר עֻלֵּנוּ מֵעַל צַוָּארֵנוּ, וְהוּא יוֹלִיכֵנוּ קוֹמְמִיּוּת לְאַרְצֵנוּ. הָרַחֲמָן, הוּא יִשְׁלַח לָנוּ בְּרָכָה מְרֻבָּה בְּבַיִת הַזֶּה, וְעַל שֻׁלְחָן זֶה שֶׁאָכַלְנוּ עָלָיו. הָרַחֲמָן, הוּא יִשְׁלַח לָנוּ אֶת אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָכוּר לַטּוֹב, וִיבַשֶּׂר לָנוּ בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת.

אורח אומר: הָרַחֲמָן, הוּא יְבָרֵךְ אֶת בַּעַל הַבַּיִת הַזֶּה וְאֶת בַּעֲלַת הַבַּיִת הַזֶּה, אוֹתָם וְאֶת זַרְעָם וְאֶת בֵּיתָם וְאֶת כָּל אֲשֶׁר לָהֶם.

יְהִי רָצוֹן, שֶׁלֹּא יֵבוֹשׁ בַּעַל הַבַּיִת בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְלֹא יִכָּלֵם לָעוֹלָם הַבָּא, וְיִצְלַח מְאֹד בְּכָל נְכָסָיו, וְיִהְיוּ נְכָסָיו וּנְכָסֵינוּ מֻצְלָחִים וּקְרוֹבִים לָעִיר, וְאַל יִשְׁלֹט שָׂטָן לֹא בְּמַעֲשֵׂי יָדָיו וְלֹא בְּמַעֲשֵׂי יָדֵינוּ, וְאַל יִזְדַּקֵּק לֹא לְפָנָיו וְלֹא לְפָנֵינוּ שׁוּם דְּבַר הִרְהוּר חֵטְא וַעֲבֵרָה וְעָוֹן, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם.

האוכל על שלחן אביו אומר: הָרַחֲמָן הוּא יְבָרֵךְ אֶת אָבִי מוֹרִי בַּעַל הַבַּיִת הַזֶּה וְאֶת אִמִּי מוֹרָתִי בַּעֲלַת הַבַּיִת הַזֶּה, אוֹתָם וְאֶת זַרְעָם וְאֶת בֵּיתָם וְאֶת כָּל אֲשֶׁר לָהֶם.

הָרַחֲמָן, הוּא יְבָרֵךְ אוֹתִי וְאֶת אִשְׁתִּי וְאֶת זַרְעִי וְאֶת בֵּיתִי וְאֶת כָּל אֲשֶׁר לִי, אם יש לו אב ואם מוסיף: וְאֶת אָבִי מוֹרִי וְאֶת אִמִּי מוֹרָתִי, אוֹתָם וְאֶת זַרְעָם וְאֶת בֵּיתָם וְאֶת כָּל אֲשֶׁר לָהֶם.

אוֹתָנוּ וְאֶת כָּל אֲשֶׁר לָנוּ, כְּמוֹ שֶׁנִּתְבָּרְכוּ אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב בַּכֹּל, מִכֹּל, כֹּל, כֵּן יְבָרֵךְ אוֹתָנוּ (כשיש נכרי בבית: בְּנֵי בְרִית) כֻּלָּנוּ יַחַד, בִּבְרָכָה שְׁלֵמָה, וְנֹאמַר אָמֵן.

בַּמָּרוֹם יְלַמְּדוּ עֲלֵיהֶם וְעָלֵינוּ זְכוּת, שֶׁתְּהֵא לְמִשְׁמֶרֶת שָׁלוֹם, וְנִשָּׂא בְרָכָה מֵאֵת ה', וּצְדָקָה מֵאֱלֹקֵי יִשְׁעֵנוּ, וְנִמְצָא חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹקִים וְאָדָם.

לראש חודש: הָרַחֲמָן הוּא יְחַדֵּשׁ עָלֵינוּ אֶת הַחֹדֶשׁ הַזֶּה, לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה:

הָרַחֲמָן הוּא יְזַכֵּנוּ לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ וּלְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא. מַגְדִּיל (לראש חודש: מִגְדּוֹל) יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ, וְעֹשֶׂה חֶסֶד לִמְשִׁיחוֹ, לְדָוִד וּלְזַרְעוֹ עַד עוֹלָם: עֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו, הוּא יַעֲשֶׂה שָׁלוֹם עָלֵינוּ, וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל וְאִמְרוּ אָמֵן.

יְראוּ אֶת ה' קְדֹשָׁיו, כִּי אֵין מַחְסוֹר לִירֵאָיו: כְּפִירִים רָשׁוּ וְרָעֵבוּ, וְדֹרְשֵׁי ה' לֹא יַחְסְרוּ כָל טוֹב: הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב, כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ, וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן: בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה', וְהָיָה ה' מִבְטַחוֹ: נַעַר הָיִיתִי גַּם זָקַנְתִּי, וְלֹא רָאִיתִי צַדִּיק נֶעֱזָב, וְזַרְעוֹ מְבַקֶּשׁ לָחֶם: ה' עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן, ה' יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם:

